בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תבא תשע"ז** **שבת סליחות** **גליון 377 [שנה ח']**

**ענין פון כפוי טובה ביי ביכורים**

וּבָאתָ֙ אֶל־הַכֹּהֵ֔ן .. וְלָקַ֧ח הַכֹּהֵ֛ן הַטֶּ֖נֶא מִיָּדֶ֑ךָ .. וְעָנִ֨יתָ וְאָמַרְתָּ֜ לִפְנֵ֣י ה' אֱלֹקֶ֗יךָ אֲרַמִּי֙ אֹבֵ֣ד אָבִ֔י וַיֵּ֣רֶד מִצְרַ֔יְמָה .. וַיָּרֵ֧עוּ אֹתָ֛נוּ הַמִּצְרִ֖ים וַיְעַנּ֑וּנוּ וַיִּתְּנ֥וּ עָלֵ֖ינוּ עֲבֹדָ֥ה קָשָֽׁה׃ (כו ג-ה) דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון אֲרַמִּי֙ אֹבֵ֣ד אָבִ֔י צו ברענגען ביכורים? [און אפילו דאס וואס רש"י ברענגט אז מען זאל דערמאנען די חסדים פון אויבערשטן, אבער עס איז נאך אלעס שווער פארוואס זאגט מען דאס ביי ברענגען ביכורים? המו"ל] נאר מיר ווייסן אז לבן איז געבענטשט געווארן דורך יעקב אזוי ווי עס שטייט (בראשית ל כד) וַיֹּ֤אמֶר אֵלָיו֙ לָבָ֔ן אִם־נָ֛א מָצָ֥אתִי חֵ֖ן בְּעֵינֶ֑יךָ נִחַ֕שְׁתִּי וַיְבָרְכֵ֥נִי ה' בִּגְלָלֶֽךָ׃ האט לבן אליין מודה געווען אז זיין ברכה איז בִּגְלָלֶֽךָ, וועגן דיר, יעקב, פונדעסטוועגן האט לבן אפגענארט יעקב צענדליכע מאל, און אפגענארט מיט לאה און רחל, און נאך געוואלט צו נעמען די קינדער, איז דאס א מואר'דיגן עוולה פון כפוי טובה, און מיר טרעפן אויך אז מצרים זענען אויך כפוי טובה, ווייל יוסף האט זיי געראטעוועט פון הונגער און דורך יעקב איז געבענטשט געווארן דעם טייך נילוס, און זיי זענען געווען כפוי טובה צו כלל ישראל און געזוכט עצות וואס מער שלעכטס טאן פאר זיי, און דאס זאגט מען וַיָּרֵ֧עוּ אֹתָ֛נוּ הַמִּצְרִ֖ים וַיְעַנּ֑וּנוּ וַיִּתְּנ֥וּ עָלֵ֖ינוּ עֲבֹדָ֥ה קָשָֽׁה, קומט אויס סיי לבן און סיי מצרים זענען כפוי טובה אבער די אידן זאגן און ווייזן מיטן ברענגען ביכורים אז מיר זענען נישט כפוי טובה נאר מיר זענען מכיר טוב פארן אויבערשטן די חסדים, (תפוחי חיים –פאנעט קארלסבורג) דעריבער לויט דעם איז גוט פארוואס מען דערמאנט ביי ביכורים סיי פון לָבָן און סיי מצרים, און אויך וואס רש"י ברענגט מזכיר חסדי המקום, ווייל מיר זענען מכיר טוב, יעצט קען מען אויך פארשטיין די סמיכת הפרשיות פון ענדע פ' כי תצא וואס רעדט וועגן מחיית עמלק, ווייל אין פריערדיגן גליון האבן מיר געברענגט אז עמלק זענען געווען כפוי טובה ווייל זיי האבן געדארפט זיין אין שיעבוד פון מצרים גלייך ווי די אידן, און ווייל די ענין פון ביכורים איז אויך צו ווייזן מיר זענען נישט כפוי טובה, איז גוט די סמיכת עמלק צו ביכורים. (שמח זבולון)

**פארוואס שטייט קֹלֵ֔נוּ חסר**

וַנִּצְעַ֕ק אֶל ה' אֱלֹקֵ֣י אֲבֹתֵ֑ינוּ וַיִּשְׁמַ֤ע ה' אֶת־קֹלֵ֔נוּ וַיַּ֧רְא אֶת־עָנְיֵ֛נוּ׃ (כו ז) לכאורה איז שווער פארוואס שטייט קֹלֵ֔נוּ אן א וא"ו? נאר עס איז באוואוסט דעם פשט פון הייליגן ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל וואס פרעגט אויפן פסוק (שמות ב כג) וַיְהִי֩ בַיָּמִ֨ים הָֽרַבִּ֜ים הָהֵ֗ם וַיָּ֙מָת֙ מֶ֣לֶךְ מִצְרַ֔יִם וַיֵּאָנְח֧וּ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֛ל מִן־הָעֲבֹדָ֖ה וַיִּזְעָ֑קוּ וַתַּ֧עַל שַׁוְעָתָ֛ם אֶל־הָאֱלֹקִ֖ים מִן־הָעֲבֹדָֽה׃ פארוואס דוקא ווען וַיָּ֙מָת֙ מֶ֣לֶךְ מִצְרַ֔יִם איז געווען וַיֵּאָנְח֧וּ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֛ל מִן־הָעֲבֹדָ֖ה? צאר די רשעות פון די מצריים איז געווען אז אפילו מען האט געפייניגט די אידן האבן זיי נישט געלאזט די אידן אפילו געבן א קרעכץ און אוודאי נישט א גערויין, ווייל א וויין און א קרעכץ נעמט אראפ אסאך צער פון מענטש, אבער ווען מלך מצרים איז געשטארבן האבן די אידן שוין געקענט מיט וויינען מיט די מצריים, נאר די מצריים האבן געוויינט אויף זייער קעניג און די אידן האבן שוין געקענט געבן א קרעכץ און א גערויין אויף זייער צרות, און דאס מיינט וַיֵּאָנְח֧וּ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֛ל "מִן־הָעֲבֹדָ֖ה", און נישט וועגן קעניג עכדה"ק קומט אויס אז די אידן האבן נישט געקענט וויינען אויפן קול נאר אינעווייניג האבן זיי געוויינט און נאר דער אויבערשטער האט דאס געקענט זען, דאס מיינט וַיִּשְׁמַ֤ע ה' אֶת "קֹלֵ֔נוּ" חסר, ווייל אזא וויין קען נאר דער אויבערשטער הערן. (תפוחי חיים –פאנעט קארלסבורג)

**פארוואס קומט די אידן דער תורה**

וַיְבִאֵ֖נוּ אֶל־הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֑ה וַיִּתֶּן־לָ֙נוּ֙ אֶת־הָאָ֣רֶץ הַזֹּ֔את׃ (כ"ו ט) דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון וַיְבִאֵ֖נוּ אֶל־הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֑ה צו וַיִּתֶּן־לָ֙נוּ֙ אֶת־הָאָ֣רֶץ הַזֹּ֔את? נאר עס איז ידוע אז די מלאכים האבן געטענה'ט אז די תורה קומט זיי וועגן בַּר מֶצְרָא, ווער עס איז נענטער צו קומט אים קדימה צו באקומען אדער קויפן עפעס, און ווייל מלאכים זענען אין הימל נאנט צום אויבערשטן, קומט זיי די תורה, אבער די אידן האבן אויך א טענה פון בַּר מֶצְרָא, ווייל דער אויבערשטער רוהט זיין שכינה אין בית המקדש. יעצט הַמָּק֣וֹם מיינט מען דעם בית המקדש, און פארוואס האבן די אידן זוכה געווען צו האבן ארץ ישראל? איז נאר וועגן היטן די תורה אזוי ווי עס שטייט (תהלים ק"ה מ"ד) וַיִּתֵּ֣ן לָ֭הֶם אַרְצ֣וֹת גּוֹיִ֑ם, פארוואס? בַּעֲב֤וּר יִשְׁמְר֣וּ חֻ֭קָּיו וְתוֹרֹתָ֥יו יִנְצֹ֗רוּ. קומט אויס אז דער פשט אין פסוק איז אזוי: וַיְבִאֵ֖נוּ אֶל־הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֑ה, דעם בית המקדש, ממילא איז די שכינה אויך מיט אונז, דעריבער האבן מיר געקענט באקומען די תורה, און דעריבער וועגן די תורה, איז וַיִּתֶּן־לָ֙נוּ֙ אֶת־הָאָ֣רֶץ הַזֹּ֔את א"י. (זרע השלום שלום הכהן ג'רבא)

**וברך את עמך מיט נסים בדרך הטבע**

הַשְׁקִ֩יפָה֩ מִמְּע֨וֹן קָדְשְׁךָ֜ מִן־הַשָּׁמַ֗יִם וּבָרֵ֤ךְ אֶֽת־עַמְּךָ֙ אֶת־יִשְׂרָאֵ֔ל וְאֵת֙ הָאֲדָמָ֔ה אֲשֶׁ֥ר נָתַ֖תָּה לָ֑נוּ כַּאֲשֶׁ֤ר נִשְׁבַּ֙עְתָּ֙ לַאֲבֹתֵ֔ינוּ אֶ֛רֶץ זָבַ֥ת חָלָ֖ב וּדְבָֽשׁ׃ (כ"ו ט"ו) פרעגן אלע מפרשים וואס וויל דער פסוק מיטן ברכה פון וְאֵת֙ הָאֲדָמָ֔ה, פארוואס דארף מען בענטשן די ערד? אויך איז שווער ווי קומט דא אריין כַּאֲשֶׁ֤ר נִשְׁבַּ֙עְתָּ֙ לַאֲבֹתֵ֔ינוּ אֶ֛רֶץ זָבַ֥ת חָלָ֖ב וּדְבָֽשׁ איז דען נישט גענוג אֲשֶׁ֥ר נָתַ֖תָּה לָ֑נוּ, אז דער אויבערשטער האט אונז דאס געגעבן ? נאר די גמרא (שבת דף נ"ג:) ברענגט פון ר' יוסף, כמה גדול אדם זה שנעשה לו נס כזה! דאס מיינט אויף אזא נס וואס איז שלא כדרך הטבע דארף מען האבן גרויסע זכותים, דעריבער מוז ער זיין א גרויסע מענטש, אבער פאר א נס וואס איז בדרך הטבע דארף מען נישט אזא גרויסן זכות. יעצט ביי יצחק אבינו טרעפט מען: וַיִּזְרַ֤ע יִצְחָק֙ בָּאָ֣רֶץ הַהִ֔וא וַיִּמְצָ֛א בַּשָּׁנָ֥ה הַהִ֖וא מֵאָ֣ה שְׁעָרִ֑ים וַֽיְבָרְכֵ֖הוּ ה'. (בראשית כ"ו י"ב) זאגט רש"י: הארץ קשה והשנה קשה: עס איז געווען שווערע ערד צו איינזייען, און א שווערע יאר, פונדעסטוועגן שטייט עס איז געשען א נס און וַיִּמְצָ֛א בַּשָּׁנָ֥ה הַהִ֖וא מֵאָ֣ה שְׁעָרִ֑ים וַֽיְבָרְכֵ֖הוּ ה'. איז לכאורה שווער פארוואס דערמאנט מען נישט אז דאס איז געווען א נס שלא כדרך הטבע? נאר ווייל די ערד פון א"י איז זָבַ֥ת חָלָ֖ב וּדְבָֽשׁ, דארף מען נישט אזא גרויסן זכות אז עס זאל ארויסגעבן פירות שלא כדרך הטבע. דעריבער ביי יצחק איז דאס געווען א נס בדרך הטבע, דאס בעט מען דא: הַשְׁקִ֩יפָה֩ מִמְּע֨וֹן קָדְשְׁךָ֜ .. וּבָרֵ֤ךְ .. וְאֵת֙ הָאֲדָמָ֔ה, וואס די ערד איז בדרך הטבע זָבַ֥ת חָלָ֖ב וּדְבָֽשׁ, איז אפילו מיר האבן נישט אסאך זכותים, אבער, כַּאֲשֶׁ֤ר נִשְׁבַּ֙עְתָּ֙ לַאֲבֹתֵ֔ינוּ, ביי יצחק האסטו געמאכט א נס ווייל די ערד איז זָבַ֥ת חָלָ֖ב וּדְבָֽשׁ, און מאך פאר אונז אויך נסים בדרך הטבע, וואס מען דארף נישט א סאך זכותים. (מהר"ם סופר)

**אן מצוות מיט א פרישקייט**

הַיּ֣וֹם הַזֶּ֗ה ה' אֱלֹקֶ֜יךָ מְצַוְּךָ֧ לַעֲשׂ֛וֹת אֶת־הַחֻקִּ֥ים הָאֵ֖לֶּה וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִ֑ים וְשָׁמַרְתָּ֤ וְעָשִׂיתָ֙ אוֹתָ֔ם בְּכָל־לְבָבְךָ֖ וּבְכָל־נַפְשֶֽׁךָ׃ (כ"ו– ט"ז) זאגט רש"י: בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, יעדן טאג זאל די באפעל זיין א נייע, כאילו בו ביום נצטוית עליהם, אזוי ווי דער אויבערשטער האט דיר דאס באפוילן היינט. (מדרש תנחומא א') און מיט דעם איז גוט וואס דוד המלך זאגט: (תהלים עא ט) אַֽל־תַּ֭שְׁלִיכֵנִי לְעֵ֣ת זִקְנָ֑ה. דאס מיינט דוד המלך בעט אז מיין עבודה זאל נישט זיין אלט, ווייל עס איז א אלטן באפעל, נאר יעדן טאג זאל זיין א פרישקייט און א זריזות אזוי ווי היינט האט מען דאס באפוילן: דאס מיינט הַיּ֣וֹם הַזֶּ֗ה, היינטיגן טאג, ה' אֱלֹקֶ֜יךָ מְצַוְּךָ֧, האט דיר באפוילן, לַעֲשׂ֛וֹת אֶת־הַחֻקִּ֥ים הָאֵ֖לֶּה וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִ֑ים, צו טאן די אלע מצוות, ממילא וועט מען דאס טאן מיט א געשמאק. (אזור אליהו בשם הבעש"ט)

## אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ג

דריי זמירות לשבת פון הייליגן אריז"ל הר' יצחק בן הר' שלמה לוריא אשכנזי וואס אידן זינגען זיי, און זיין הייליגער נאמען איז מרומז אין די ר"ת פון די זמירות. אין די פריערדיגן וואכן האבן מיר באשריבן די חרוזים פון באנאכט **אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין לְמֵיעַל גּוֹ פִתְחִין דִּבַחֲקַל תַּפּוּחִין דְּאִנּוּן קַדִּישִׁין**, און אגב רוב וועלט זאגט דאס פאר קידוש, אבער לפי נוסח קארלין סטאלין און ביאלא זאגט מען דאס פארן בענטשן און נאך **שְׁכִינְתָּא תִתְעַטָּר** ביי **שְׁבִיתִין וּשְׁבִיקִין מְסָאֲבִין דִּרְחִיקִין** וואשט מען מים אחרונים, און באמת אין כתבי אר"י און אין ספר משנת חסידים און מחברת הקודש שטיין אז דער הייליגער אר"י האט דאס געזאגט פארן בענטשן, איש על דגלו, שבת ביטאג זינגט מען:

**אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא. בְּצַפְרָא דְשַׁבַּתָּא. וְאַזְמִין בָּהּ הַשְׁתָּא עַתִּיקָא קַדִּישָׁא:**

און עס פעלט פון די חרוזים צו משלים זיין דעם ר"ת פון הייליגן אריז"ל, ביי שלש סעודות זינגט מען **בְּנֵי הֵיכָלָא דִּכְסִיפִין. לְמֶחֱזֵי זִיו דִּזְעֵיר אַנְפִּין:**

**יְהוֹן הָכָא. בְּהַאי תַּכָּא. דְּבֵיהּ מַלְכָּא בְּגִלּוּפִין:**
**צְבוּ לַחֲדָא. בְּהַאי וַעֲדָא. בְּגוֹ עִירִין וְכָל גַּדְפִּין:**
**חֲדוּ הַשְׁתָּא. בְּהַאי שַׁעְתָּא. דְּבֵיהּ רַעֲוָא וְלֵית זַעְפִין:**
**קְרִיבוּ לִי. חֲזוּ חֵילִי. דְּלֵית דִּינִין דִּתְקִיפִין:**
**לְבַר נַטְלִין. וְלָא עָאלִין. הַנֵּךְ כַּלְבִּין דַּחֲצִיפִין:**
**וְהָא אַזְמִין. עַתִּיק יוֹמִין. לְמִצְחָא עֲדֵי יְהוֹן חָלְפִין:**
**רְעוּ דִילֵהּ. דְּגַלֵּי לֵיהּ. לְבַטָּלָא בְּכָל קְלִיפִין:**
**יְשַׁוֵּי לוֹן. בְּנוֹקְבֵיהוֹן. וִיטַמְּרוּן בְּגוֹ כֵּפִין:**
**אֲרֵי הַשְׁתָּא. בְּמִנְחָתָא. בְּחֶדְוָתָא דִּזְעֵיר אַנְפִּין:**

און דא איז שוין דא די גאנצע חרוז און די ר"ת ביצחק לוריא, אנדערע לייגן צו **דְּבֵיהּ רַעֲוָא דְרַעֲוִין**, און **לְמִנְחָא לְמִצְחָא.** קומענדיגן וואך וועלן מיר שרייבן וועגן כל מקדש שביעי

## מדור העובדות
## ר' ישעי' גרייט און טיילט דעם עסן פאר די געסט און דער גאסט לערנט זיך פון דעם

אין שטאט חוסט האט געוואוינט דער באוואוסטן חסיד ר' משה ראזענפעלד באקאנט אלץ ר' משה טעטשער, זיין מסחר איז געווען צו קויפן א וואלד און שניידן בערך צוואנציג גרויסע בוימער און נאכדעם דאס צושניידן אויף קלענערע און צוגעבונדן די האלץ און געמאכט אזוי אז די בינטלאך זאלן שווימען אויף די טייך, און זיינע שיפן פארן אויף די זייטן אכטונג געבן אויף די העלצער, זיי האבן גענוצט דעם טייך פון חוסט וואס האט געפירט ביזן טייך דונא און נאכדעם ביז דעם גרויסן ים, אזוי אז די האלץ זאל אנקומען קיין וויען און דארטן עס פארקויפן פאר גרויסער רווחים, אזוי האט זיך געפירט יארן און ר' משה איז געווארן א עושר.

איינמאל האט זיך געמאכט צו קויפן א גאר גרויסער וואלד און ר' משה האט געדארפט אריינלייגן א פארמעגן מיט געלט דאס צו קויפן און האט דאס געקויפט, אבער אין מיטן פירן די האלץ אין טייך האט זיך פלוצלינג אנגעהויבן די וואסערן צו שטורימען און די געבונדענע האלט זענען איינגעזונקן אין טייך און ר' משה האט שוין מורא געהאט אז זיין פארמעגן איז פארלוירן אין ים, אבער ער איז א חסיד און פארלירט נישט זיין אמונה און בטחון און האט גענומען זיינע גוייאשע ארבעטארערס און זיך אריינגעזעצט אין א קלין שיפל און האבן געגאנגען זוכן אפשר וועלן זיי מצליח זיין דערגיין וואו די האלץ אין פארפלייצט געווארן.

דער אויבערשטאר האט געהאלפן אז זיי האבן געטראפן די העלצער ביים ברעג פון קערעסטיר וואס דארטן זענען געווען אסאך דערנער בוימער און די בינטלאך האלץ האבן זיך דארטן צו געטשעפעט און בס"ד אלעם געווען דארטן, יענעם טאג איז געווען תשעה באב, אבער ר' משה מוז ראטעווען זיין פארמעגן און די ארבעט האט זיך אנגעפאנגען צוזאמען בינדן נאכאמאל די העלצער. די ארבעט האט געדויערט ביז פארנאכט און ר' משה האט געפאסט און איז געווען שוואך און פאר חלש'ט, איז ער אריין אין שטאט קערעסטיר זוכן א קרעטשמע זיך קענען אויס פאסטן און אביסל זיך אפרוהען פון די שווערע ארבעט.

ער פרעגט א איד וואו קען איך טרעפן יעצט א פלאץ צו עסן? ווייזט יענער אויפן הויז פון די ארבעט קערעסטירער, ר' משה האט נישט געקענט די ארבעט און ווען ער קומט אריין אין שטוב זעט ער אסאך מענטשן זיצן ארום די טישן און עסן דעריבער האט ער געמיינט אז דאס איז א קרעטשמע, און ער זוכט א ליידיגע פלאץ צו זיצן, און ער זעצט זיך אוועק אויפן בענקל פון ר' ישעי', ווען ר' ישעי' זעהט ר' משה זיצן אויף זיין פלאץ האט ער פארשטאנען אז דאס איז א נייע גאסט און גייט צו און גיט אים שלום עליכם און פרעגט וואס ער האט ליעב צו עסן? און ר' משה ענטפערט: קרעפלאך! און ר' ישעי' פרעגט אים פונקטלאך ווי און וואס האט ער ליעב און ר' משה ענטפערט, און ר' ישעי' הייסט אים גיין וואשן און גיט אים א פארשפייז און ר' ישעי' גייט מאכן די קרעפלאך פאר ר' משה!

ר' ישעי' האט אים אויס געפרעגט פון וואו ער איז און וואס ער טוט אין קערעסטיר און ר' משה האט דערציילט אלעם וואס איז פארגעקומען מיט אים יענעם טאג, ר' ישעי' האט אים באדינט און די אנדערע געסט האבן געלאכט אז ר' משה האט זיך געזעצט אויף ר' ישעי'ס בענקל, און ר' ישעי' לאזט נישט אפ ר' משה ביז ער איז זאט און נאכן עסן און בענטשן פרעגט אים ר' משה וועמען דארף מען באצאלן פאר אזא גוטע סעודה? האט אים ר' ישעי' געענטפערט "דא באצאלט מען נישט, איר האט שוין געבענטשט, האט איר שוין באצאלט"!

האט ר' משה געפרעגט א איד וואס איז די קרעטשמע און ווער האט אים באדינט? און ווען יענער האט אים געזאגט אז דער רבי אליין ר' ישעי' האט אים באדינט! איז אים שלעכט געווארן און ער גייט איבערבעטן ר' ישעי' וואס ער האט אים אויסגענוצט! רופט זיך אן ר' ישעי' רעדט נישט אזוי, איר זענט דאך אויס געמוטשעט און מיעד פון אייער שווערע ארבעט, קום מיט מיר און איך וועל די אויסבעטן א געלעגער און אזוי וועסטו האבן פרישע כוחות צו פארן מארגן אין וועג! ר' משה האט נישט געגלויבט וואס ער זעט דא, און דאס האט אים געלערנט א שיעור עד כמה איז הכנסת אורחים! ר' משה האט געדאנקט ר' ישעי' און איז געגאנגען זיך אפרוהען, אינדערפרי נאכן דאווענען מיט פרישע כוחות האט ער זיך געזעגנט מיט ברכות אויף הצלחה.

ר' משה האט געגעבן א שבח והודאה פארן באשעפער און האט מצליח געווען צו אפפירן די העלצער קיין וויען און האט שיין פארדינט ביי דעם, אבער מער פון דעם האט ער געלערנט ווי מען דארף באדינען געסט און ר' משה האט געטאן למעשה זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*א תהלים געדרוקט אין זיטאמיר עם פירוש דגל והודיה מיט מעמדות א זעלטענע שיינע מצב ווי ניי $25000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $3000, ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומאראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, ספר אוצר הרבנים 200$ ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז. $75,000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת